# פרשת חקת ד׳ - י׳ תמוז תשפ״ב לפ״ק

***יום שלישי פרשת חקת***

אחר התפלה התקיים בבית **רבינו שליט״א** האפשערן של בן הר״ר **שמואל יחזקאל שפארן** הי״ו.

*

***יום חמישי פרשת חקת***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין להבחור **בנימין** ני״ו בן הר״ר **יהודא בינער** הי״ו, ולהבחור **שלמה יצחק** ני״ו בן הר״ר **יואל דוד סדרינס** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

*

***ערב שבת פרשת חקת***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין להבחור **חנניא יו״ט ליפא** ני״ו בן הר״ר **קלמן פריעדמאן** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת חקת***

בקריאת התורה עלה הבחור בנש״ק **משה מרדכי יהודא** ני״ו, בן חדב״ן **הרה״ג רבי יואל ווייסמאנדל שליט״א** למפטיר, לכבוד הבר מצוה. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

כשעה וחצי אחר הבדלה ערך **רבינו שליט״א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט״א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה״ק בעל חידושי הרי״ם זי״ע** (מתוך הספר מאיר עיני הגולה). בברכת המזון נתכבד חדב״ן **הרה״ג רבי יואל ווייסמאנדל שליט״א.**

***וזה תוכן הסיפורים** (מה שרבינו שליט״א הוסיף עליהם):*

**רסד. החידושי הרי״ם** הפליג כמה פעמים בשבח דברי תורתו היוצאים מפיו. ופעם אחת אמר, תורות אני יכול להגיד יותר טובים מהכתוב **ברמב״ן**, אבל מה שנקרא תורה באמת, זה כתוב ברמב״ן.

**וביאר רבינו:** א מענטש קען אמאל זאגען א רמב״ן, און ער קען זאגען א גאנצען חידוש דערויף, און דער חידוש קוקט אויס שענער אפשר פונעם רמב״ן אליין. אבער תורת אמת איז דאס וואס עס שטייט אין רמב״ן, דאס איז די אמת׳דיגע תורה. נישט וועגן דעם ווייל דער רמב״ן איז געווען קלוגער פון אונז, ער האט געהאט מער שכל פון אונז, דאס איז פשוט. נאר די ראשונים האבן געהאט א קדושה. מכוון צו זיין צו די כוונה פונעם אייבערשטען, צו די כוונת התורה, האבן די ראשונים געקענט בעסער מכוון זיין, ווי אונז קען מיר מכוון זיין. אפילו אין חיצוניות קוקט אויס אסאך מאל, אז דאס וואס מען גיט צו, איז שענער פון דעם וואס עס שטייט אין רמב״ן, אבער תורת אמת, וואס עס איז אמת׳דיגע תורה, וואס עס איז די כוונה פונעם אייבערשטען, דאס איז וואס עס שטייט אין רמב״ן.

*

**רסו. החידושי הרי״ם** אמר פעם, יש לי פירוש יקר בענין חטא מי מריבה, אבל אין לנו מי שיהיה ראוי לשמוע דברים יקרים כאלה, והנני מטמין לי דברים אלו, להגידם לעולם הבא לפני הצדיקים (**בספר הזכות** לרבינו זצ״ל בפרשת חקת התחיל לכתוב בכת״י, פירוש ענין חטא מי מריבה, ולא סיים הפירוש).

**וביאר רבינו:** כאטש אין הימל פעלט נישט קיין תורה, און מען דארף נישט אימפארטירע״ן פון דאהי, זעהט אויס, אז אונזער תורה האט דאך עפעס א חשיבות. אז מען טראגט ארויף אויבן אין הימל תורה פון די וועלט, מען האט עס געלערנט אין אזא וועלט וואס מען האט נסיונות, האט א חשיבות די תורה אויבן.

**ער** האט געזאגט, אז ער האט געוואלט זאגען א פירוש יקר אויפן חטא פון מי מריבה, נאר עס איז צו גרויס די ווערטער, אז ער זאל עס קענען זאגען פאר זיין ציבור. עס שטייט אין **תולדות קול אריה** (ח״ב דף תקסו), אז דער קול אריה האט געזאגט, אז ער איז אמאל געזעסן מיטן **ראזלער רב**, ער איז געווען פון די זידיטשוב׳ער קינדער, און עס איז געווען פרשת חקת, און ער האט געזאגט שלש סעודות תורה. און ער האט גערעדט כמעט דריי שעה פונעם חטא פון מי מריבה וואס משה רבינו האט געזינדיגט, אלע יחודים וואס משה רבינו האט מכוון געווען בשעת ער האט געשלאגען דעם שטיין. אינמיטן האט ער זיך צופייערט, און ער האט געזאגט, הלואי זאל מיר

אונז אוועקגיין פון די וועלט מיט אזעלכע יחודים וואס משה רבינו האט אינזין געהאט ביים חטא פון מי מריבה.

**דאס** איז טייטש, אסאך מאל לערנט מען אפ אין חומש, אז משה רבינו האט געזינדיגט. איך האב געזינדיגט, און משה רבינו האט געזינדיגט. עס איז טאקע נישט די זעלבע חטא, איך האב א גרעבערן חטא פון משה רבינו, אבער משה רבינו זינדיגט אויך. משה רבינו זינדיגט נישט! משה רבינו איז מכוון יחודים בשעת ער האט געטון אזא זאך. נאר לפי ערך גדלו פון משה רבינו, איז עס געווען א פגם, וואס איז אסאך העכער פון אונזערע השגות. און דער ראזלער רב האט געקענט מסביר זיין דריי שעה די יחודים וואס משה רבינו האט אינזין געהאט בשעת'ן חטא פון מי מריבה.

**אונז** האב מיר נישט קיין השגה אין די גרויסע צדיקים. ווען מען רעדט פון זייערע חטאים, איז עס נאר אזוי ווי א דמיון צו אונזערע חטאים, עס איז אינגאנצן נישט קיין צושטעל. מען רעדט פון מכירת יוסף, מען האט פארקויפט יוסף, ויקנאו בו אחיו (בראשית לז-יא), וישנאו אותו (שם לז-ד), איך בין מקנא מיין חבר, און איך האב פיינט מיין חבר, די ברודער'ס האבן פיינט געהאט יוסף, און מען האט אים פארקויפט. עס איז גארנישט קיין דמיון איינס מיטן אנדערן. עס איז צוויי וועלטן, וואס אונז פארשטייט מיר נישט די טיפקייט, אויף וואס מען האט זיך געקריגט, און אזוי ווייטער.

**די** וועלט זאגט נאך אויפן **ראפשיצער רב זי"ע**, ער איז געווען א תלמיד פונעם **רבי'ן פון לובלין**, און ער איז געווען ביי זיין רבי אויף ראש השנה. נאכמיטאג איז ער געגאנגען צו תשליך, און דער רבי פון לובלין איז שוין צוריקגעקומען פון זיין תשליך. ווען דער רבי פון לובלין האט געזען דעם ראפשיצער רב גיין, פרעגט ער אים, וואו גייסטו. זאגט ער, איך גיי אויפהייבן דעם רבי"נס עבירות, וואס דער רבי האט אוועקגעווארפן. – וואס איז פשט אין די מעשה, אז ער גייט אויפהייבן דעם רבינ'ס עבירות? וואס איז געווען דעם לובלין'ער רבינ'ס עבירות, אז ער האט אמאל געדאווענט שמונה עשרה, און אפשר האט ער איין סעקונדע געהאט עפעס א כוונה וואס איז נישט געווען ווי עס דארף צו זיין, האט ער עס אוועקגעווארפען. דאס זענען זיינע עבירות וואס ער ווארפט אוועק. וואס זענען אונזערע עבירות? אז מען הייבט אפילו נישט אן מכוון צו זיין שמונה עשרה. קומט אויס, אז אויפצוהייבן דעם רבינ'ס עבירות, איז ביי אונז א מצוה. הלואי זאל מיר אונז קענען דאווענען אזא שמונה עשרה ווי דער רבי האט געדאווענט, און ער האט עס אוועקגעווארפען פאר אן עבירה. - דאס האט ער געמיינט צו זאגען, איך גיי אויפהייבן דעם רבינ'ס עבירות. - אונז האב מיר נישט קיין השגה. ווען צדיקים רעדן פון עבירות, איז עס אינגאנצן נישט דעם מין סוג, וואס אונז רעד מיר. דער חטא פון מי מריבה האט ער געזאגט, אז משה רבינו האט אינזין געהאט אזעלכע הויכע כוונות, בשעת ער האט געשלאגען דעם שטיין.

*

**דש. החידושי הרי"ם** היה אומר, שבמשך זמן של י"ז שנים היה עוסק בעבודה ויגיעה רבה להשיג מדה של עין טובה, עד שהשיג מדה זו בשלימות.

**ואמר רבינו:** אונז מיין מיר, אז מען קען ארבעטן אויף א מדה אפאר טעג, און עס איז דערנאך. זיבעצן יאר האט ער געארבעט דערויף. זעהט אויס, ווייל זיבעצן איז די מספר פון טו"ב. אז מען וויל ארבעטן אויף א עין טו"ב, דארף מען האבן דערצו זיבעצן יאר.